STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07345

KARELN

Pessie Pomerantz-Honigbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פּעסי הערשפעלד
קארעלן
טאדראָס
געללער

Copyright by
Bessie Hershfield
Chicago, 1926

394

צייכנונגען פון טאָדראָס געללער.

אַרויסגעגעבן
פון

JEWISH WOMEN'S
ART CLUB
אידישע פרויען
קונסט קלוב

שיקאַגאָ
1926

ל. מ. שטיין
שיקאַגאָ

מיין האַרציקן דאַנק דעם פרויען קונסט קלוב פאַר מיינע „קאַרעלן“.

מיין דאַנק די קאַלעגן ל. מאַטעס און מאַטעס דייטש — דעם ערשטן פאַרן איניציאַטיוו און דעם צווייטן פאַרן אַרוים־העלפן אין דער אַרבעט פון דער איצטי־קער אויסגאַבע.

פ. ה.

שיקאַגע, יוני 18, 1926.

לעגענדען פון [illegible]



טויערן.

ערגעץ וואַרטן אַף אונדז טויערן.
גאָלד־באַזוימטע טויערן.
און די טעג אונדזערע, טרויערן,
ווי א רייע איינזאַמע בערעזעס
אין א וויינענדיקן הערבסט טאָג —
ענלאַף איינע צו די אַנדערע.

און די וועגן פירן אונדז
באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף,
ביז זיי וועלן דערפירן אונדז
צו די גאָלד־באַזוימטע טויערן . . .

ציגיינערקעס.

ברוין־געזיכטיקע, שוואַרץ־אויגיקע,
שוואַרץ־צעפּיקע ציגיינערקעס.
אין רויטע גרינע טוכן
און אין קוויטנדיקע קליידער, —
ווי פלאַטערלינגען, פאַרביקע,
אין פרילינג־טעג אין גאָלדענע, —
וואָס בלאָנדזשעט איר אַרום דאָ
אין דער רוישעדיקער גאַס.

שוואַרץ־אויגיקע ציגיינערקעס
מיט רינגען אין די אויערן,
מיט רויטע שנור־קאָרעלן
אויף די קופּער־ברוינע העלדזער, —
ניט דאָ פאַר אייך צו אומבלאָנדזשען
אין גרויסער שטאָט, אין קאַכעניש, —
צוריק אין אייער וויגעלע,
אין ברייטן פרייען וואַלד.

דאָרט אין דער געדיכטעניש,
צווישן ווילדע קרייטעכצער, —
עס גריזשען פערד דאָס פרישע גראָז
און קאַפּען שוואַרצע ערד! —
וואו אייערע געליבטע,
מיט אויגן ווי די פייערן,
קאָכן זיך און שילטן זיך
פאַר געגאַנוועטע פערד.

אהין! צעלייגט אַ פייער דאָרט,
אַז צווייגן זאָלן פלאַקערן!
אַזביימער זאָלן וויגן זיך
און ציטערן די ערד!
זאָל גליענדיק און פלאַמענדיק,
ווי איר אליין שוואַרץ־אויגיקע,
צעוויגן זיך, צעטראָגן זיך
אייער ציגיינעריש ליד!

אין שאָען פון צווייפל.

אין שאָען פון צווייפל און זוכעניש —
דו, א שטראַל אױף מיין שמאָלינקן וועג.

און ציט זיך די נאַכט מיט אירע ליפּן
צו דער ערד —
ווערסטו מיין שטערן וואָס באַלייכט מיינע טריט.

נאָך לויטערער פון זומער־פרימאָרגן —
מיין גלויבן אין דיר . . .

אין ווען.

מיר בויגט זיך מיין קאָפּ —
ווי אַ באַלאָדענער בוים
פון פרוכטן.

נאַכט פּאַטשט מיט אירע פליגל
רו שוועבט איבער מיר,
מיט אירע צאַרטע ליפּן
קושט זי מיינע אויגן.

יאָנטעוו.

די מאַמע האָט געזאָגט ס'איז יאָנטעוו היינט.
האָב איך דעם טיש מיט ווייסן טישטוך געדעקט,
האָב רויטן וויין געשטעלט און גרינע וויינטרויבן.
און דורך די פענצטער האָט די זון
געוואָרפן פאַסן ליכט —
אָקטיאַבער גאָלד
אַף ווייסן טיש,
אַף רויטן וויין,
אַף גרינע וויינטרויבן.

דער טאַטע האָט זיך אויסגעפּוצט
אין יאָנטעוודיקע קליידער,
גענומען לייענען נייעס פון אַ צייטונג.
האָט מאַמע געזיפצט
און אַ פּאָר טרערן האָבן זיך
אַראָפּגעקייקלט אַף אירע בלייכע הענט.
האָב איך באַמערקט:
„ס'איז יאָנטעוו היינט
צו וואָס זשע וויינסטו
מאַמע מיינע?"
האָט זי געענטפערט:
„אָט, מיין קינד
ניט דאָס וואָס איז געווען אַמאָל"...

כ'האָב געזוכט.

כ'האָב געזוכט, געזוכט דיך אזוי לאַנג...
געפונען בלויז די שפּורן פון דיין גאַנג.
די שפּורן האָבן מיר, ווי שטערנדלאַך, געשיינט,—
באַלויכטן האָבן זיי מיין יאָושדיקן הײנט...

איך האָב גערופן דיך, גערופן דיך אומזיסט,
געוואָרן איז דאָס לעבן פאַר מיר פּוסט...
פאַרגאַנגען איז דיין לעצטער שפּור פון וועג.
געוויינט האָב איך, געוויינט אַף מיינע טעג...

אין כאַאָס.

מיינע טרוימען ליגן איינגעהילט
אין כאַאָס פון דיין צעווייטיקט האַרץ —
אין מאַטן שיין פון דיינע אויגן.

ווער וועט אויסהיילן די וואונדן פון מיין האַרצן
אין שאַען פון מיין פיין ?
ווער וועט מיין טרוים באַפרייען ? !

פלאַטערלאַך

דיינע רייד.

דיין שטיל געוויין האָט אָפּגעשווייגקט
דעם שטויב פון מיין נעשאָמע.
איצט ליַיטערט זיך מיין האַרץ פון פרייד
און ווידער האָבן דיינע רייד פאַר מיר
צעבליט זיך
ווי אָפּגעפרישטע בלימלאַך
נאָך אַ דינעם רעגן.

קאפריז.

נאכט.
דו מיט גליענדיקע אויגן,
פאָלגסט נאָך מיין יעדן ריר.

צו דיין באַק
טוליען זיך מיינע ליפּן —
באַכער מיינער.

אַף דיין קאַשטאַנענעם קאָפּ
פאַלן מיינע טרערן.
ווי רויטע אויפגעבלעטערטע פּיאָנען
וויקלען זיך אויף מיינע באַגערן . . .

מיינע ליפּן מורמלען.

דער אָוונט קומט צו מיר
מיט שטילע טריט.
מיר דוכט: דו זיצט אַנטקעגן מיר
און לייענסט פאַר מיר אַ ליד.
נאָך יעדער שורע פאַלט דיין בליק אויף מיר.

און איך? איך הער קיין איינציק וואָרט
וואָס דו לייענסט —
בלויז מיינע ליפּן מורמלען שטיל:
„כהאָב דיך ליב“ — — —

אין שטילע אָוונט-שאָען.

ביינקסטו אויך, אזוי ווי איך,
אין שטילע אָוונט־שאָען?
אויב יא,
לעש אוים דאס ליכט אין צימער,
און אויף דיין האַנט
שפּאַר אָן דיין קאָפּ
און טראַכט. —
וועסט דערהערן:
שטילע, ווייכע רייד;
וועסט דערפיילן צערטלדיקע בליקן
און סוועט דיר ווערן
גוט און גרינג —
אזוי ווי מיר
אין שטילע אָוונט־שאָען...

רוף מיך ניט.

רוף מיך ניט,
לאָז מיך אליין —
אַליין,
מיט מיין שטילן געוויין.

רעד ניט,
רייד זיינעז שאַרף —
לאָזן אין הארצן
א וואונד.

דיין געשטאַלט.

בלאַנדזשעט אום מיין רו באַם ווייטן האָריזאָנט.
באַהאַלטן ליגט מיין פרייד אין בלויען אויגן שיין.
מיין בליק געפאַנגען ווערט פון זון פאַרגאַנג.
אין שאָען, איינזאַמע, מיין האַרץ אַ טפילע שיקט.

צינדן זיך די ערשטע שטערן אָן,
דאַכט זיך מיר עס איז אַ אויגן שפיל —
איך וויל געפינען דאָרט דעם אויגן שיין
אין וועלכן מיין פרייד באַהאַלטן ליגט.

ווען לעוואָנע, פון אונטער וואָלקנס, שווימט ארויס
און זילבערט אַף דעם טוי פון בוים און גראָז,
איך וויל געפינען דאָן דיין העלן בליק
און קוקן שאָענווייז אַף דיין געשטאַלט.

אין יענער שאָ.

ראַזען.

אין יענער שאָ,
ווען עס פאַרגייט דאָס לעצטע ליכט פון טאָג
און וואו ניט וואו עס צינדט זיך אָן אַ שטערן —
אין יענער שאָ — פאַרוויגט אין שטילער רו
פלי איך אַוועק צו דיר.

ווי גוט איז מיר צו זיין מיט דיר אינאיינעם.
דו, איך, און אונדזער שטילער צער...

בלויע בלימלאך.

א. ז—ן.

דיינע אויגן — בלויע בלימלאך
וואָס אין פרילינג באַ דעם טייכל —
קושן אוים די זונשטראַלן.

כ'האָב אַ בינטל בלויע בלימלאך
אָנגעשפּיליעט אַף מיין מאַנטל
איך זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן
דעם קאָליר פון דיינע אויגן...

אין דערוואַרטונג.

איך וואַרט אַף דיר,
איך וואַרט און וואַרט,
און וואַרט אַ שאָ,
און וואַרט איך צוויי, —
איך וואַרט אַ טאָג
און וואַרט אַ וואָך —
דו קומסט, דו קומסט,
כאָטש ווייט ביזט נאָך.

דיין גאַנג איז מיר
דאָך גוט באַקאַנט,
איך הער זיך איין —
ס'איז דיינע טריט.
איך לויף צום טיר
און וואַרט געשפּאַנט.
איך הער אַ לייכטן
קלאַפּ אין טיר.

„אַ עפן אויף
ס'איז איך, ס'איז איך".
עס קלאַפּט דאָס האַרץ
פון פרייד בײַ מיר —
איך עפן אויף
און זע דיך ניט.
איך רוף דיך, רוף,
דו ענטפערסט ניט.

דיינע אויגן.

גרינע אויגן —
גרינע כוואַליעס —
גרינע פרייד
פון אָקעאַנען.
קוקט איר אויף מיר,
גרינע אויגן,
ברויזט אין מיר
די מאַכט פון יאַמען.

און אמאָל ווי רואיק וואַסער
פון אַ דרימלדיקן טייך, —
גוט אזוי צו שפּיגלען זיך
שאַענווייז אין אייך.

פֿליגל.

האָסט געשאָנקען מיר
ווייסע פֿליגל
כ'האָב געפּרופּט זיך
אויפֿהויבן צום הימל.
צו דער ערד צוריק
בין איך געפֿאַלן. —
שוואַך געווען זיינען דיינע פֿליגל...

כ׳וועל דערפרייען זיך.

איך וועל דערפרייען זיך
ווען דו וועסט צו מיר קומען.
און וועסטו בלויז זיך אַנרירן אַן מיר,
וועל איך אַף אייביק
דיינע בלייבן:
כוועל מיט אומבאוואוסטער פרייד
אריין אין דיינע אָרעמס
און מיט מיין פולן אָטעם
איינזאַפּען דיין קוש — — — —

דו.

דו רעדסט ניט פיל.
דיר פעלט אַ פריינט
וואָס זאָל פארשטײן
דיין יעדן בליק —

לאָז מיך זיין דיין פריינט.

אין דיין ריכטונג.

אָדלער מיינער!
מיינע פליגלען זיינען יונג,
און בלוטיקן באַ יעדן פעלז־באַריר...

און דו?
דו פליסט אין שטורם
צו הויכע פעלזן־שפּיצן,
צום בלויען רוים...

דאָך אין דיין ריכטונג
פלי איך, אָדלער מיינער!

מיר וועלן זיך באַגעגענען
אין זוניקע רוימען...

צו ז. וו. — נ. י.

איך בין פאר אייך ניט אינטרעסאנט.
איך רויכער ניט קיין פאפיראס,
איך טרינק קיין וויין —
און מיינע אויגן, ווייך און מילד,
רעגן אייך ניט צו קיין זינד, —
איך בין פאר אייך ניט אינטרעסאנט.

ווען אייך דערעסט שוין יענע פרוי
וואס ציט דעם רויך זיך גלאט אזוי —
דורך דינע לאנגע פינגער;
ווען אייך ווערט מיעס דער אויגנגלאנץ
פון וויין און טאנץ,
זוכט איר מיך.
און איך?
לאך פון אייך.
לאך פון אייך.

און מער גערדיינק איך ניט.

דיין ערשטער בליק,
דיין לעצטער „זיי־געזונט“ —
איין איינציק וואָרט,
און מער געדיינק איך ניט.

אַ יאָם מיט ליכט,
אַ שניידנדיקער ווינט, —
דאָס וואָרט „פאַרגעס“ —
און מער געדיינק איך ניט — — — —

אבשיד.

מיט ציטעריקע ליפן
קוים „זיי־געזונט“ געזאָגט,
שוויינדיק געדריקט די הענט.

געלאָזט זיך גיין צום באַן,
זיך אומגעקוקט —
דיין לעצטער בליק,
איך זע דיך שוין ניט מער.

בליצט אויף פאַר מיר אין באַן
דיין לעצטער, שטומער בליק, —
וואָס גיט מיר ניט קיין רו — — —

כ'האָב ליב דאָס שווייגן.

שאַרף זענען דײַנע רייד געווען פאַר מיר,
ווי דער שאַרף פון אַ מעסער.
האָבן דײַנע רייד געגלאַנצט פאַר מיר,
ווי נייער געפּאָלירטער שטאָל.

איז דער שאַרף פון דײַנע רייד
טעמפּ געוואָרן,
איז דער גלאַנץ פון דײַנע רייד
פאַרזשאַווערט געוואָרן.

פיל איך איצט ניט דעם אויפברויז
פון דײַנע שאַרפע רייד,
האָב איך איצט ניט מער דאָס שרעק־געפיל
פאַר דײַנע גלאַנציקע רייד.

לאַך איך איצט
און האָב ליב דאָס שווייגן...

און וועסטו קומען ווען צוריק?

און וועסטו קומען ווען צוריק?
וועל איך מיט טרויער אין מיין בליק
קוקן שטומערהייט אַף דיר,
ביז דו וועסט פאר שרעק ארויס, —
אַ קלאפּ טון מיט דער טיר.

מיינע טרוימען.

מיינע טרוימען —
ווייסע בליטן.
ווייסע בליטן
פון די ביימער,
פון די ביימער
פאַלן, פאַלן —
פאַלן מיינע
ווייסע טרוימען.

אוקראינער מאטיוון

ווייסע גענז.

ווייסע גענז, ווייסע גענז,
טרייבט אַליעסקאַ, ווייסע גענז.
טראָפּנס טוי ווי קריסטאַל —
פינקלען אינם גרינעם טאָל.
גאַ־גאַ־גאַ, גאַ־גאַ־גאַ.
טרייבט אַליעסקאַ ווייסע גענז.

אַראָפּ צום טייך, אַראָפּ צום טייך,
באָדן זיך די ווייסע גענז.
זונען שטראַלן שטיפן אום,
אויף די פליגלען פון די גענז:
גאַ־גאַ־גאַ, גאַ־גאַ־גאַ.
אויף די פליגלען פון די גענז.

אַליעסקאַ און מיקאָלאַ.

אַליעסקאַ אַ יונגע,
אַ פּויעריש מיידל.
אַ גרינער קאַפּטאַנעק,
אַ ליוונטן קליידל,
רויטע קאָרעלן
און אויסגענייט פּאַרטוך, —
אַליעסקאַ ז'פאַרליבט
אין מיקאָלאַן דעם פּאַסטוך.

מיקאָלאַ אַ יונגער
פול פּויערשן כיין.
דערזעט ער אַליעסקען
ער שטשירעט די ציין.
אַליעסקאַ זי וואַרט שוין פאַר אים
אין איר הויף, —
ווען ער רופט אויף דער דודקע
די טשערעדע צונויף.

אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע
מיט ציבעלעס, ברויט.
ס'איז שוואַרץ און פאַרברענט
פון זיין פּנעם די הויט
אַ סמאַטשק מיט די ליפּן,
אַ שפּיי און אַ פייף.
דעם שטרויענעם קאַפּעליוש
אָנגערוקט שטייף.

אַליעסקאַ באַגלייט אים
מיט שיקסעשע בליקן.
ער זאָגט איר:
„איך וועל דיך אין וואַלד
דאָרט דערשטיקן
אַזוי ווי דער אָדלער וואָס פּליט מיט זיין רויב
וועל איך דיך דערשטיקן
האָלובטשיק — מיין טויב“. . . .

זומער.

דורך די גרינע טאָלן,
שנייט זיך דורך אַ וואסער;
אַף די גרינע בערגלאַך,
פּאַשן זיך שאָף;
צווישן הויכע גראָזן,
דרעמלט איין דער פּאַסטוך;
גייט פאַרביי אַ פויער,
וועקט אים אויף פון שלאָף.

קומט אַ פרישער ווינטל,
מורמלט שטיל דאָס וואַסער.
פליט פאַרביי אַ פויגל,
ציטערט אויף די לופט.
און די גרינע ווערבעס,
בויגן זיך צום וואַסער.
און דער טשאַוועז וויגט זיך
און צום שיפן רופט.

גייט ארוים מאַריאַנע
פונ׳ם פויערס כאַטקע,
מיט אַ גרויסן עמער,
אויסמעלקן די קי.
וואַרפט די זון לעצטע
קופּער רויטע שטראַלן.
ציילעמט זיך אַ פויער —
פאַלט אַף זיינע קני.

און אַ הייסע טפילע
שעפּטשען זיינע ליפּן:
„שיק אונדז צו אַ רעגן
אָ, דו גרויסער גאָט,
פון פרי ביז שפּעט אין אוונט
האָרעווען דיינע קינדער —
דיינע אָרעמע קינדער,
אָ, דו ליבער גאָט."

זיכרוינגעס פון אַ זומער טאָג.

אַ שטראל פון דער זון האָט באַגילט די האָר
פון דער יונגער און שיינער פּאַסטושקע;
באַם ברעג פונם טייך איז געשטאַנען אַ בוים
געקוקעט האָט דאָרט אַ קוקושקע.

אַפן טייך האָבן ווילדע קאַטשקעס געשוואומען,
די קעפּלאַך מיט שטאָלץ אויפגעהויבן;
פון צווישן די בערג האָבן טשערעדעס שאָף
אַראָפּ זיך צום וואַסער געצויגן.

באַלד האָט זיך דערהערט פון אַ פּאַסטוך אַ פייפן
וואָס האָט אין דער לופט אָפּגעקלונגען;
די פּאַסטושקע האָט זיך געלאָזט צו די בערג,
זיך פריילאַך פאַנאַנדער געזונגען.

אָף יענער זייט טייך, פון אַ נאָענטן פעלד,
דאַן האָבן געטראָגן זיך קלאַנגען
דאָרט האָבן געארבעט יוגנט און גרייז
געשניטן די צייטיקע זאַנגען.

די זון איז ארונטער צווישן די בערג
דעם מיירעוו מיט פייער געצונדן,
אַט האָבן זיך שאָטנס פאַנאַנדערגעשפרייט
באַלד איז זי איינגאַנצן פאַרשוואונדן.

הערבסט מאָטיוו.

רעגנדיקער הערבסט־פרימאָרגן.
עס ווייגען אוים די הייזער
זייער לעצטע ביסל זון־פרייד.
עס כאַלעמען די גראָזן אוים
דעם לעצטן גרינעם כאַלעם,
עס ציטערן איצט, איינציקווייז,
די בלעטער אַף דער ווערבע —
ווי אין שפינוועב אריינגעגאַרטע פלאַטערלינגען.

איצט שלייכט ארום אין אומעט
אַף אלע שליאַכן —
מאַכנעם פייגל
ציען ערגעץ וואו
און נעמען מיט מיט־זיך
מיין לעצטע ביסל פרייד.

בּיינקשאפט.

כ'וואָלט וועלן אַז מיין הארץ
זאָל זיין אַ קערנדל
און ליגן זאָל עס אינ'ם פרייען פעלד.
אַ זינגפויגל זאָל אויפפּיקן דאס קערנדל
און אויסזינגען זאָל ער אין פרילינג נעכט
די ליבע און די בּיינקשאפט פון מיין הארץ...

אין אַגאָניע

אין ליכטיקן אנדיינק — מיין מאמען

אין שפּיטאָל.

א

אַף דינע אומזעבאַרע פעדים
הייִנגען טפּילעס פון די קראַנקע,
אַף ווייסע בעטלאַך, ליגן רעשטלאַך וועלקנדיק לעבן.
בלויז באַרמהאַרציקע שוועסטער
טראָגן מיט זיך אום אַ שמייכל
און פלִיען היִן און הער
ווי ווייסע פלאַטערלינגען.

ב

צו איינעם קומט דער טויט
אַף שוואַרצע פליגל,
צום צווייטן קומט ער
אויסגעפּוצט אין ווייסן. —
איינער שטאַרבט
מיט שטילן לויב
אַ צווייטער —
מיט קלאָלעס אַף די ליפּן . . .

ג

טונקעלע און לאַנגע קאָרידאָרן;
באַזוכער גייען אום דעם אָטעם איינגעהאַלטן
פון יעדנס שטומען בליק
קוקט אַרויס אַ שרעק;
און שוועבט אַרום
אַף דינע, אומזעבאַרע פעדים.

דיינע ליפּן.

א.

דיינע ליפּן זיינען טרוקן
ווי אין הערבסט די בלעטער.
קראַנקע שאָען הייגען איבער דיין בעט.
שטיל אין צימער.
סהערט זיך בלויז דיין שווערער אטעם
און מיין געבעט...

ב.

דרימלסט,
און מיר דוכט אַז גרויסע, שוואַרצע פליגלען
שוועבן איבער דיר,
און הילן דיך איין אין אַ שוואַרצער דעק.
קלעמט אזוי מיין האַרץ:
ביים איך איין די ליפּן
און איך קוק
ווי דיין לעבן גייט אַוועק...

מאַמע.

דרינגט פון גאַס אריין
אַ קראַנקע שיין אין צימער, —
וואַרפט אַ מאַטע ליכט
אויף דיין בלייכן פּאַנעם,
אויף דעם ווייסן קישן
און אויף די שטומע ווענט.

ביזט קראַנק אַ, מאַמע, קראַנק...
קרעכצסט אַ יעדע וויַל,
דריקסט מיין האַנט צו זיך,
מורמעלסט שטיל און גיך.
עס רוישט פאַרביי אַ באַן
און נאָענט וויינט אַ קינד.
די נאַכט שלינגט אַלעס איין —
אויך מיין געבעט — — —

און בא דיין קראַנקן בעט
און אין דער שטילער נאַכט
הילפלאָז איז דיין קינד, —
אַ, מ—אַ—מ—ע...

די נאכט.

די נאַכט האָט איינגעשלונגען —
דעם לעצטן אָטעם פון אַ שטאַרבענדן.
אַ שטיל געבעט פון אַ צעווייטיקט האַרץ —
געשוועבט האָט איבער מיר,
ביז וואַנען ס'האָט די נאַכט
אויך דאָס דערשלונגען.
— — — — — — — —
כ'האָב שטיל געוויינט.—
אויף מיין געוויין
געענטפערט האָט דער טאָג —
מיט שמייכלענדיקע אויגן...

פרנם שול געסל

מײן טאטן -

סליכעס.

אין די הארבסט־נעכט פול מיט אומעט,
ווען אין פענצטער קלאפט א רעגן,
ווען דער גארטן שטייט פארטרויערט
און דער ווינט פייפט אויס זיין ניגן, —

ווען דער שאמעס קלאפט אין טירן —
„סטוק, סטוק, סטוק"
„שטייט אויף צו סליכעס!"
ווען דאס קלאפן פונם האמער
מישט זיך אויס אין ווילדן עכא
מיטן בילן פון די הינט,
מיטן פייפן פונם ווינט, —

דאמאלסט, שרעקן מיך די מינעס
פונם טאטנס טיפע קנייטשן
פון דער מאמעס בלייכן פאנעס,
און דאס הארץ הייבט אן צו קלעמען,
און דאס הארץ הייבט אן צו נאגן —
אין די הערבסט־נעכט פול מיט אומעט.
ביז עס הייבט שוין אן צו טאגן.

און קוים הייבט שוין אן צו טאגן,
מאך איך אויף פון שטוב די לאדן,
דורכן פענצטער כ'קוק ארויס:
אף דער גאס דער בלאטיק נאסער
שלעפט זיך בארעב־לייב א בלאסער,
מיטן טאלעס, מיטן שטעקן —
זיינע אויגן יעדן שרעקן...

צו מיין פאָלק!

מיינע טרוימען —
פרישע קוואַלן —
אָפּן בלויז פאר דיר...

ריין און לויטער —
מיינע קוואַלן —
פליסן בלויז פאר דיר...

באַ דעם רויש —
פון דיינע קוואַלן
וועל איך אַ דערלייזטע ווערן...

ווישׁ אויס דיין אויג!

ווישׁ אויס דיין אויג
און וויין ניט מער!
און זאָל דאָס זיין
דיין לעצטע טרער!
און זאָל דאָס זיין
דיין לעצטער זיפץ!
ניט בויג דעם קאָפּ
און רעד ניט שטיל!

נאָר ווי דער לייב
דו טו אַ בריל
אַז פאַלן זאָל
דער סוינע!

אידישע צניעס.

ניט דערזאָגטע ווערטער
אומעטיקע בליקן,
שטורמט אין דיין הארצן?
מוזטו עס דערשטיקן!

ווערסטו אזוי וועלקן,
וועלקן צאַרט און איידל,
וועלן מענטשן זאָגן
„אוי, סאַ טייער מיידל!"

ווי דער לעצטער שטערן.

איך וועל אייך ניט ווייזן
מיינע טרערן!
מיינע טפּילעס
וועט איר ניט דערהערן...

אין אַ שפּעטער שאָ,
איך — מיט זיך אַליין —
ווי דער לעצטער שטערן
וועל איך דאָ פאַרגיין.

ווי דער לעצטער שטערן
וואָס פאַרגייט אין רוים,
וועט אַזוי פאַרגיין
מיין גליענדיקער טרוים...

מיין שטעטל.

...איז מיין שטעטל
טויט, טויט.
בעטן דארטן קינדערלאך
ברויט, ברויט.

ליגן שטיבלאך בארעווע
פוסט, פוסט.
בלויז אַן אלטע באבושקע
הוסט, הוסט.

מישוגאים לאכן דארט.
שווארצע ראבן ענטפער!
קרא! קרא! קרא!

קעגן צאַם

חיים — מיין כייעמען

ווער.

ווער האָט מיין וועג פאַרצאַמט!
אַז וואו איך גיי וואַקסט אויס אַ וואַנט,
אַז וואָס איך קלער צעשוווימט ווי שוים, —
ווער האָט מיין וועג פאַרצאַמט!

ס'האָט עמיצער פאַרשאָלטן מיך
כ'זאָל אויסגיין דאָ פון בייַנקעניש,
צווישן ווענט וואָס שטיקן מיך, —
ס'האָט עמיצער פאַרשאָלטן מיך...

צו דער זון.

זון, אַ, זון!
כ'וואָלט וועלן אומבלאָנדזשען
אין פרייען פעלד,
זיך אָנטרינקען מיט ליכט
דעם גאַנצן טאָג,
עס זאָל פון מיינע אויגן
ארויסשטראַלן
דיין ליכטיקייט, —
דיין וואַרימקייט.

צווישן איינגע ווענט
קוקן מיינע אויגן מאַט,
צווישן איינגע ווענט
רעד איך בייז צו מענטשן, —
איינג איז מיר דער וועג
אַף וועלכן זיי טרעטן!...

זון, אַ, זון!
נאָר דורך דיין ליכטיקייט
ווער איך געלייטערט,
נאָר דורך דיין וואַרימקייט
ווער איך דערהויבן — — —

אונדזער וועג.

אונדז שרעקט די פינצטערניש
מיט אירע וויסטע סוידעס,
אונדז ברייננט די נאַכט בלויז
אומרו, פיין און צאַר.
דער טאָג וואַכט אויף
מיט העלע זילבער־פאַרבן
און גיסט אין האַרצן אונדז
דאָס ליד פון זיין.

ס'איז אונדזער וועג
אַן אָפענער און ברייטער,
מיר ציען זיך פאָרויס
באַגעגענען די זון...

פריינט מיינער, סוינע מיינער!

מענטש, פריינט מיינער,
סוינע מיינער, —
באַשאַפער פון גאָט!
לייג צו דיין אויער צו דער ערד, —
הער ווי עס רוישן און פליסן קוואַלן...

זאָט איז די ערד פון צופיל בלוט
איר האַרץ איז איבערפולט!
זע ווי עס שפּאַרט און שטייגט —
ביז צו די הימלען!

זון האָט זיך פאַרכלינעט,
זון האָט אויסגעשפּיגן
טונקל־רויטע וואָלקנס
איבער דער גאַנצער וועלט. —
זיי שרייען:
רע—וואָ—לו—ציע!!

צייט.

די צייט
פּאַטשט אַף רעכטס און לינקס
מיט איר גליענדיקער בייטש.

ס'האָט איר צעקנאַלטער ראַזמאַך
אויך מיך דערגרייכט, —
קנייטש איך זיך פון ווייטיק
און בייס ביז בלוט די ליפּן.
און זי
זי לאַכט אַ רויט געלעכטער.

שווייגן.

איך טראָג אַ שווייגן מיט זיך
ווי אַ שטילע נאַכט אין פריעז הערבסט, —
ווען די פייגל הערן אויף צו זינגען,
ווען עס וועלקט די לעצטע זומער בלום.

איך טראָג אַ שווייגן מיט זיך —
דאס שווייגן פון אַ קינד
וואָס קאָן שוין מער ניט וויינען.

פייגל.

גרויער הימל.
פייגל זינגען מער ניט,
פייגל זיצן איינציקווייז
אױף נאַקעטע צווייגן,
די שנאָבלען באַהאַלטן
אינטער צעשויבערטע פליגלען.
פייגל שרעקן זיך —
ווילן מער ניט זינגען...

שאָטנס.

שפּרייטן זיך שאָטנס פאַנאַנדער,
וואַרפן אַף מיר אָן אַ שרעק.
דיינק איך ס׳וועט קיינמאָל אין לעבן
פון פינצטערניש נעמען אַן עק.

הייבט אָן די זון אָבער לייכטן
פֿיל איך זיך פריילאַך און פריי,
דאַן ווילט זיך מיר אונשולדיק גלויבן
אַז אַלעם ארום מיר איז פריי.

שטאָט טרויער.

האָב איך ניט באַמערקט
ווי דער טאָג האָט זיך באַהאַלטן,
האָב איך ניט באַמערקט
אַז די נאַכט איז דאָ,
האָב איך נאָר באַמערקט
ליכט אין די הייזער,
און איך האָב דערפילט
אַז טרויער איז דאָ.

און געדוכט האָט מיר,
אַז אַ שוואַרצער מאָנסטער
שפאַנט פון הויז צו הויז —
שפרייט אַ שוואַרצע נעץ
איבער אַלע מענטשן,
און אַז אַלע בוקן זיך און פאַלן
פאַלן, פאַלן, פאַלן
אין דער שוואַרצער נעץ אריין...

קריג און פרידן.

ברודער קעגן ברודער האָט געצילט,
ערד האָט אין שאָטנס זיך געהילט,
יאָם איז געוואָרן בלוטיק רויט, —
אויסגעשפרייט די פליגלען האָט דער טויט...

פאָלק האָט אן אַנדער פאָלק באַזיגט
וועלט האָט אין פלאַמען זיך צעוויגט,
ווילד האָט דער עלנט אומגעטאַנצט, —
טויט האָט פאַרוויסטונג אויסגעפלאַנצט...

האָט אַ פונק פון מענטשלאַכקייט דערוואַכט
און זיין ווילדקייט אויסגעלאַכט.
האָט דער סוינע אויסגעשטרעקט די האַנט
צו אַ ברודער פון אַ פרעמדן לאַנד...

פאָנען און גלאָקן.

אַלטע גלאָקן קלינגען טעמפּ און שטאַרביק,
ערגעץ היינגט מען נייע ! —
קלינגען ערגעץ רויטע פייערדיקע קלאַנגען.

אַלטע פאָנען זענען שוין קאָלירלאָז,
ערגעץ טראָגט מען נייע ! —
פלאַטערן זיי ווי די רויטע אדלערס...

ווידער......

ווידער איראָנישע פראגן,
ווידער סאַרקאַסטישע רייד —
קריכן אין מיין נעשאָמע,
ווילן פאַרגיפטן מיין פרייד.

צאַפּלט זיך פרייד אין מיין האַרצן, —
וויל זיך ניט שיידן מיט מיר:
כ׳וועל דעם טרויער דערשטיקן,
די פרייד — זי בלייבט אייביק מיט מיר...


צעווארפענע קארעלן
טאדראס
געללער

שאָען מיינע!

מיין שוועסטער שיינדלען.

קומט צו מיר א שאָ מיט לאנגע פינגער,
גאנוועט פון מיין אויג די פרייד.
דוכט זיך מיר, איך בין שוין לאנג געשטאָרבן —
ניט איך באַוועג זיך דאָ, א פרעמדער גאָר.

קומט צו מיר א שאָ מיט אָדלער פליגלען,
טראָגט מיך צו דער העכסטער הויך ארויף,
דוכט זיך מיר — ארום איז אַלץ אין פינצטערניש
נאָר איך אליין — דאס ליכט בין פון דער וועלט...

עס וויינט אין מיר.

אױף די ראנדן פון אונדזערע באוועגנדע שאטנס
וויינט אונדזער באגער...

כ׳האָב באווערטעס —
גוטע מאַמעס זענען זיי.
פרייד פון קינדער
האָבן זיי.

וואָס זאָל איך טאָן
אַז דער טרויער פון דער וועלט
וויינט אין מיר?..

צו דער ערד.

ערד מיינע, מאַמע ערד, —
אַ שטויבעלע בין איך
אף דיין רוקן.

גיט אַ ווינטל אַ בלאָז,
בלייב איך הייגנען
אינ׳ם רוים.

גיט אַ ווינטל אַ בלאָז
פאַל איך צו דיינע פיס —
מאַמע ערד.

אױף אַ שיף.

װײַסער שױם
און זון־שײַן, —
װינקען װײַטע ברעגן.

זענען דורכגעפֿלױגן
שרײַענדיקע מעװן.
האָבן אָנגעװײַעט אַ װײַסע פֿרײד אַזאַ.

הערבסט.

הערבסטיקער צאַר —
איבער מיר,
ארום מיר,
און אין מיר.

אין הארצן וויינט אַ ניט־דערבליטער טרוים —
אַ בלייכער טאָג אין הערבסט,
געשפינט פון בלייכן גאָלד.

עס פאַלן איינציקווייז פון בוים די בלעטער
מיר דוכט זיי וויינען אין דער שטיל
אזוי ווי מיינע טרוימען — — —

גאָלד.

גאָלדענער סעפּטעמבער־מאָרגן.
ליכט און גאָלד אַף אַלע וועגן.
איבערפֿולט מיין האַרץ מיט פרייד איז.
ליכט און גאָלד — אַזאַ מין יאַנטעוו!..

שאַר איך גאָלד אַף מיינע וועגן,
קוש דאָס ליכט דאָס העלע, בלויע,
שלינג און שלינג אין זיך דיין שיינקייט —
גאָלדענער סעפּטעמבער־מאָרגן!..

אין ביבליאָטעק.

עטל און מאטעם דייטשן.

ביכער אַף די פּאָליצעס —
רייען, רייען, רייען.
גאָלדענע אויפשריפטן,
פון קאָלירטע טאָוולען,
ווינקען צו מיר
און בעטן זיך —
לייען אונדז,
לייען אונדז.

ביכער!
שטום־רעדעוודיקע איידעס פון יאָרהונדערטער,
מיסטעריע פון מענטשלאכן געדאַנק,
נעשאָמעס פון דוירעס, —
פרייד פון אונדזער פארכיישעכט לעבן . . .

אין שאָען פון צאַר,
אין שאָען פון צווייפל, —
קום איך צו אייך,
באַהעפט זיך מיט אייך, —
ווער אין אייער דערלייטערונג דערהויבן.

מישאוואָקאַ. *

מיריאַמען און זוסין

זוניקע טעג,
וואַרימע ווינטן לאַכן אריין אין די פעלדער,
כוואַליען זיך די גראָזן —
איס־סאַ־סאַ, איס־סאַ־סאַ.

בייזערן זיך די ביימער —
איש־שאַ־שאַ, איש־שאַ־שאַ.

פרימאָרגן שטילקייט. זון־ליכט.
קלינגט ערגעץ אַ קלויסטער־גלאָק
און דער קלאַנג בלייבט הייגען
אויף די שפּיצן ביימער, —
בים־באָם־באָם,
אויף די שפּיצן ביימער.

מישאָוואָקאַ!
רייצנד איז פאַר מיר דיין נאָמען.
פאַר מיינע אויגן —
וויזיאָנען.
זע איך דיינע עלטער זיידעס
טאַנצן זייער שייוועט טאַנץ.

---

* אַ שטעטל אין אינדיאַנע.

ביינאשמאשעם.

אין מיין צימער
גאנוועגעו זיך בלייכע שאָטנס.
פלאָנטערן מיך איין
אין בלוילאך־גרויען שיין.

טונקלט זיך אין צימער.
דער לעצטער זון־שטראַל
געלאָזט האָט אַף דער וואַנט
אַ פיאָלעטן שיין.

אַף מיין קליינעם טישל
פרישער בעז
אטעמט דאס לעצטע ליכט אריין...

נאָקטורן.

ל. מאַטעסן.

גרויער שטויב אַף דער לעוואַנע.
בוימער־סילועטן,
דערשראָקענע הירשן
מיט פארפלאָנטערטע הערנער
הילן זיך אין גרויקייט.

זאַפטן שפּארן זיך פון ערד ארויס,
קנאָספּן פּלאצן אין דער נאַכט אריין.
שטיל, — אַ בלעטל ווערט געבאָרן . . .

ווינטער.

ווייסע וועגן פירן ערגעץ —
פאַלן ווייסע, קאַלטע קושן
צו דער ערד.

נאַכט.
עס ווייעט אַ בלויער אומעט
ארום מיינע פענצטער.

באַ דעם רויטן שיין פון אויוון
גליט מיין שווייגן.

שנייעלאך.

שנייעלאך, שנייעלאך, ווייסינקע בלימעלאך,
וועבן זיך, וועבן זיך, פאַלן אין קוים.
קוק איך זיך איין אין איך, ווייסינקע שנייעלאך,
ווייעט אין הארצן מיט עלנט און נוים.

קוק איך זיך איין אין איך, ווייסינקע שנייעלאך,
וואַקסן אוים שרעקלאכע בילדער פאַר מיר:
זע איך ווי אייערע ריינע נעשאַמעלאך,
ליגן שוין קויטיק צעטראָטן אָן שיר.

זע איך איך פאַלן, איר ווייסינקע שנייעלאך,
גיט מיר אין הארצן פון ווייטיק אַ ריס.
וויין איך אף אייך און וויין אויך אף יענע
וואָס ווערן צעטראָטן פון שמוציקע פים.

דרימל, קינד מיינס!

דרימל, קינד מיינס, דרימל.
נאַכט מיט אירע פליגלען
שפּרייט אַ בלויען כאַלעם.

שניי־פּרינצעסן וואַרפט איצט
קרענץ מיט ווייסע בלימלאַך.
דרימל, קינד מיינס, דרימל.

וועט פרימאָרגן קומען
מיט אַ פרייד אַ ווייסער,
וועלן קינדער לויפן
צו דער זון אַנטקעגן,
און מע וועט זיך שליטלען
אַף די ווייסע וועגן.
דרימל, קינד מיינס, דרימל.

מאציייוועס.

אין אַ הויף
שטייען שטיינערנע מאצייוועס צום פארקויף.
קוקט פון זיי ארויס דער טויט,
ווינקט צו יעדן פארבייגייער.
טראַכט איך:
עפּשער זע איך איצט דעם שטיין
וואָס וועט אַף מיין קייווער
מיין שטיקל רוים אויספילן?
פיל איך זיך אזוי נאָענט מיט זיי.
און איך דערפיל
מיר זענען איינס, —
איך:
זיי,
און די ערד אַף וועלכער מיר שטייען...

א ווינט.

פון ערגעץ איז אַ ווינט
צו אונדז געקומען,
און האָט גענומען רעדן
מיט טירן און פענצטער.

האָבן טירן, פענצטער
זיך געבייזערט,
האָבן טירן, פענצטער
אַזש פון שרעק געציטערט.

האָבן זיך פּאַפּירן
שטאַרק דערפרייט
און גענומען פליען
העכער־דעכער.

מיד געוואָרן איז דער ווינט,
פון צופיל הוליען,
און איז אַ שיקערער
אריינגעפאלן
אין די ארעמס פון דער ערד.

נאַכט.

דאָס קרעכצן פון אַ באַן
רייסט דורך די שטילקייט
וואָס מישט זיך אויס צוזאַמען
מיט מיין שטיל געבעט.
די באַן וועט קומען גיך
צו איר באַשטימטן אָרט
די נאַכט וועט איינשלינגען
מיין שטיל געבעט.

אין א רעגנדיקן טאָג.

די ערד האָט זיך פאַרקוקט אַפ'ן הימל
און וויינט...
וויינען־מיט, די הייזער און די גאַסן —
אויך איך האָב זיך צעוויינט.
נאָר מיינע טרערן —
פאַלן פּרוכטלאָז.

איך בין אַ קינד פון דאָרף.

איך בין אַ קינד פון דאָרף
און מיעס איז מיר די שטאָט;
מיר איז ליב דאָס דאָרף,
די גאַסן ניט ברוקירטע,
דאָס שטיבל מיטן גאָזע לאָמפּ.

מיר איז ליב צו ארבעטן
אַ גאַנצן טאָג אין פעלד
און טרוימען בלויז
פון ראַפינירטע וועלטן . .

אינהאלט:

זייטל

טויערן ... 7
ציגיינערקעס ... 8
אין שאָען פון צווייפל ... 10
אין וועג ... 11
יאָנטעוו ... 12
כ׳האָב געזוכט ... 13
אין כאַאָס ... 14
דיינע רייד ... 17
קאַפּריז ... 18
מיינע ליפּן מורמלען ... 19
אין שטילע אָוונט - שאָען ... 20
רוף מיך ניט ... 21
דיין געשטאַלט ... 22
אין יענער שאָ ... 23
בלויע בלימלאַך ... 24
אין דערוואַרטונג ... 25
דיינע אויגן ... 26
פליגל ... 27
כ׳וועל דערפרייען זיך ... 28
דו ... 29
אין דיין ריכטונג ... 30
צו ז. וו. — נ. י. ... 31
און מער געדיינק איך ניט ... 32
אָבשיד ... 33
כ׳האָב ליב דאָס שווייגן ... 34
און ועסטו קומען ווען צוריק ... 35
מיינע טרוימען ... 36
ווייסע גענז ... 39
אָליעסקאָ און מיקאָלאָ ... 40
זומער ... 42
זיכרוינעס פון א זומער טאָג ... 44
הערבסט מאָטיוו ... 45
בייגקשאַפט ... 46
אין שפּיטאָל ... 49
דיינע ליפּן ... 50
מאַמע ... 51
די נאַכט ... 52
סליכעס ... 55

זייטל

צו מיין פאָלק 56
וויש אוים דיין אויג 57
אידישע צניעם 58
ווי דער לעצטער שטערן 59
מיין שטעטל 60
ווער 63
צו דער זון 64
אונדזער וועג 65
פריינט מיינער, סוינע מיינער 66
צייט 67
שווייגן 68
פייגל 69
שאָטענס 70
שטאָט טרויער 71
קריג און פרידן 72
פאָנען און גלאָקן 73
ווידער 74
שאָען מיינע 77
עס וויינט אין מיר 78
צו דער ערד 79
אַף אַ שיף 80
הערבסט 81
גאָלד 82
אין ביבליאָטעק 83
מישאָוואָקאָ 84
ביינאשמאָשעם 85
נאקטורן 86
ווינטער 87
שנייעלאך 88
דרימל קינד מיינס 89
מאַצייוועם 90
א ווינט 91
נאַכט 92
אין אַ רעגענדיקן טאָג 93
איך בין אַ קינד פון דאָרף 94